**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול רופט אויס דרום טייל אינוועסטירונגען אלץ טייל פון פיסקאל יאר 2024 עקזעקיוטיוו בודזשעט**

***בודזשעט רעכנט אריין איבער $151 מיליאן פאר דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאפיטאל פראיעקטן אין די דרום טייל; איבער $23 מיליאן פאר לאקאלע וועגן און פאטהאול פארריכטונגען***

***רעכנט אריין $50 מיליאן פאר בינגהעמטאן אוניווערזיטעט צו פארזעצן אויפצושטעלן א צענטער פאר באטערי טעכנאלאגיע ערפינדונג***

גאווערנער קאטי האקול האט היינט געמאלדן דעטאלן פון הויפט פארשלאגן פון איר פיסקעל יאר 2024 עקזעקיוטיוו בודזשעט צו שאפן דזשאבס און הייבן די עקאנאמיע אין די דרום טייל פון ניו יארק. אין איינקלאנג מיט די 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, רעכנט די בודזשעט אריין א גרויסע אינוועסטירונג צו פארגרעסערן די האוזינג סופליי און פארברייטערן עקאנאמישע געלעגנהייטן און נייע ערפינדונגען אין די ראיאן.

"דורך די טראנספארמירנדע אינוועסטירונגען אין הויזינג, ערפינדונגען, בילדונג, און אינפראסטרוקטור, טוען מיר בויען א בעסערע, לעבטיגע צוקונפט פאר יעדער וואס וואוינט אין די דרום טייל," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די געלטער, וועלן סיטיס און טאונס דורכאויס דעם ראיאן קענען איבערפרישן זייער געגענטער, שאפן מער געלעגענהייט פאר ניו יארקער, און מאכן זייערע געמיינדעס מער זיכער, מער אפארדעבל, און מער וואוינבאר צו פארזיכערן אז יעדער האט די געלעגענהייט צו דערגרייכן דעם ניו יארק חלום."

עטליכע פון די בודזשעט פארשלאגן וואס גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט זענען אין איינקלאנג מיט די [עקאנאמישע שעפערישקייט פלאן (Economic Innovation Plan)](#) וואס איז אנאנסירט געווארן אין די 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, א פלאן צו מאכן דזשאבס און ביזנעסער וואקסן דורכן פארברייטערן עקאנאמישע געלעגנהייטן און נייע ערפינדונגען אריבער ניו יארק סטעיט דורך געציהלטע אינוועסטירונגען, שטיצע פאר ביזנעס און אנדערע פראגראמען געציהלט אויף אינדוסטריעס מיט הויכע וואוקס. די גאווערנער'ס בודזשעט רעכנט אריין עטליכע אינציאטיוון צו אינוועסטירן אין העכערע בילדונג און צו פארבעסערן לאקאלע אטראקציעס ארום די סטעיט. פאר די דרום טייל, טוט די פלאן אריינרעכענען:

- $1.4 ביליאן אין סקול הילף פאר די דרום טייל
- $95.8 מיליאן גרינדונג הילף העכערונג פאר די דרום טייל
- איבער $151 מיליאן אין DOT הויפט פראיעקטן, אריינרעכנדיג:

- $45 מיליאן צו באנייען גאסן אויף רוט 17
- $10.3 מיליאן צו ערזעצן און פאררעכטן בריקן דורכאויס דעם ראיאן

- $50 מיליאן פאר בינגהעמטאן אוניווערזיטעט צו פארזעצן אויפצושטעלן א צענטער פאר באטערי טעכנאלאגיע ערפינדונג
- איבער $23 מיליאן פאר לאקאלע אויספלאסטערונג און פאטהאויל פאררעכטונגען
- $24 מיליאן אין קאפיטאל אינוועסטירונגען ביי רעגיאנאלע קאלעדזשעס, אריינרעכנדיג:
  - $13 מיליאן פאר בינגהעמטאן אוניווערזיטעט
  - $10 מיליאן פאר קארנעלל אוניווערזיטעט
  - $963,000 פאר ברום קאמיוניטי קאלעדזש
  - $250,000 פאר טאמפקינס קאמיוניטי קאלעדזש
  - $177,000 קארנינג קאמיוניטי קאלעדזש

- $16 מיליאן פאר אדיקשען סערוויסעס געלטער
- $10 מיליאן צו פארבעסערן די פייער אקאדעמיע אין מאנטור פאלס
- $6 מיליאן פאר די בינגהעמטאן פארפלייצונג קאנטראל פראיעקט
- $1.2 מיליאן פאר קאמיוניטי און רוראל פרעסערוויטאציע הויזינג געלטער
- $400,000 פאר די העריעט טאבמאן צענטער פאר פרייהייט און גלייכקייט פון בינגהעמטאן אוניווערזיטעט
- $600,000 פאר טאויענאק פאלס סטעיט פארק

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמיציאנער האויפ קנייט זאגט,** "גאווערנער האקול'ס פראאויס-טראכטנדע בודזשעט פארשלאג רעכנט אריין קלוגע עקאנאמישע שאפונג סטראטעגיעס וואס וועלן פארזיכערן קאמיוניטיס איבערן סטעיט צו האבן די הילפסמיטלען זיי דארפן צו העלפן ביזנעסער און איינוואוינער צוגלייך. די קאנצעטרירטע, טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען אין בילדונג, ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, אינפראסטרוקטור און אין אפּארדעבעל האוזינג ווייזן ארויס איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו אונטערהייבן אונזערע לאקאלע עקאנאמיעס. די געצילטע דרום טייל פראיעקטן וועלן אויך ארבעטן צו טרייבן עקאנאמישע וואוקס, העלפנדיג די הערליכע ראיאן צו פארזעצן צו שוועבן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418